בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום ב' פ' לך לך | ג' חשון | תשע"א | סוכה ל"ה.

# באריכט:

נעכטן נאכט בשעת ווען מרן רבינו שליט"א האט אויפגענומען אנ"ש אין קרית יואל צום געזעגענען, איז אריין אל הקודש פנימה האדמו"ר מ'דעעש-קרית יואל שליט"א להתברך לרגל די חתונה פון א קינד בשטומ"צ.

⁂

אויך האט דער רבי שליט"א נעכטן אריינגעשריבן אן אות אינע'ם ספר תורה וואס ווערט אי"ה אריינגעגעבן קומענדיגע וואך אין ביהמ"ד הגדול אין מאנטריאל לע"נ הרה"ח ר' יודא ווערצבערגער ז"ל שו"ב.

⁂

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' בן מוה"ר אברהם ישראל הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מיכל גלאנץ הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי איז געווען סנדק און מוהל.

⁂

## תוכן דברות קודש – שב"ק העעל"ט

ליל שב"ק האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די רש"י יש דורשין לשבח יש דורשין לגנאי, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון חדש.

ביי שלש סעודות האט דער רבי זיך געשטעלט אויף די בעל הטורים את האלקים התהלך נ'ח סו"ת חכ"ם, ארויסברענגנדיג בנוגע האנדלען ערליך, אז אויב חלילה מען האנדלט נישט ערליך איז עס משפיע אויף די קינדער. און נאך א בחינה נאכגעזאגט פון רבין ז"ל אין דברי יואל אז מען פרעגט א מענטש נשאת ונתת באמונה, אויב ער געהאט אמונה אז זיין גאנצע פרנסה קומט פון רבוש"ע, און דורך האנדלען נישט ערליך וועט ער גארנישט פארדינען, און אזוי אויך אויב וועט ער וויניגער לערנען צוליב די פרנסה וועט ער גארנישט פארדינען.

⁂

# דרשות פתית הזמן אין ביהמ"ד איחוד התלמידים וואלעבאוט אין וויליאמסבורג

אין ביהמ"ד איחוד התלמידים אויף וואלעבאוט סט. אין וויליאמסבורג איז נעכטן - זונטאג פאהרגעקומען א דרשות פתיחת הזמן לקראת הזמן החדש הבעל"ט.

עס האבן דארט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' מרדכי אהרן מייזליש שליט"א רב הביהמ"ד, הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ דקהלתינו הק', און דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א מגיד משרים מיט א אינהטלסרייכער דרשה.

## ניחום אבלים

ביי משפחת האשה החשובה מרת רבקה ב"ר יודא שטיינמעטץ ע"ה זיצט מען שבעה ביז מיטוואך אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 75 פארעסט רד. אין עטרת זקנים אין קרית יואל, יוניט 201.

ביי משפחת המנוח הישיש הרה"ח ר' חיים ב"ר יצחק זאב הערמאן ע"ה זיצט מען שבעה ביז ערב שב:ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 1364 47'סטע גאס אין בארא פארק.

**ובלע המות לנצח**
*-בשורות טובות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.